ראזשינקעס מיט מאנדלען

מעשהלעך פאר אידישע קינדער

יהודה שטיינבערג

1. שמעון איך זאָל אַזוי לעבען
2. די פאַרשאָלטענע פּרינצעסין
3. די געפאַנגענע כלה

1

430 (1)

איבערזעצט פון ס. שאַפּיראָ

מאַקס נ. מייזעל

אידישער פערלאַג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט

1918.

א מתנה
פון שלום-עליכם פאלקסשול No. 1
1387 וואשינגטאן עוו. בראנקס
יוני 30טען 1918

„שמעון איך זאָל אַזוי לעבען.״

א

אַמאָל איז געווען אַ קרעמער. געהייסען האָט ער שמעון און ער האָט געהאַט אַ טבע צו שווערען זיך פאַר יעדער קלייניגקייט. האָט איהם עמיצער געמאָנט געלט האָט ער געענטפערט: „זאָל איך אַזוי לעבען, ווי מאָרגען גיב איך דיר״; אָדער, אַז אַ קונה איז אַריינגעקומען אין זיין קראָם עפּעס קויפען, און דער קונה האָט זיך אָנגעהויבען דינגען, איז ער באַלד אויפגעשפּרונגען און זיך אָגעהויבען שווערען: „זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך האָב אַליין באצאָהלט מעהר ווי דו גיסט מיר!״

דערפאַר האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען, „שמעון איך זאָל אַזוי לעבען.״

איינמאָל איז צו איהם אין קראָם אַריינגעקומען אַ צדיק, איינער פון די זעקס און דרייסיג פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט. האָט דער צדיק געהערט ווי דער קרעמער שווערט זיך אַלע ווייל, זאָגט דער צדיק: זאָל גאָט דערהערען דיינע שבועות און עס זאָלען מקוים ווערען דיינע רייד.״

האָט דער קרעמער געענטפערט „אָמן״, און דער צדיק איז אַוועקגעגאַנגען.

איז אין קראָם אַריינגעקומען אַ קונה קויפען אַ מילגרוים. דער קרעמער האָט איהם געגעבען אַ מילגרוים. האָט איהם דער קונה באַקוקט און געזאָגט: „מיר דאַכט זיך, אַז דער מילגרוים איז אינעווייניג טרוקען און לעדיג!״

— דער מילגרוים לעדיג ? ! — האָט דער קרעמער זיך באַלד אָנגערופען — זאָל מיר שוין מיין קעשענע זיין אַזוי לעדיג ווי דער מילגרוים איז לעדיג !

דער קונה האָט גענומען דעם מילגרוים און איז אַוועק־געגאַנגען. דער קרעמער האָט זיך אַ טאַפּ געטון אין קע־שענע, ערשט זי איז לעדיג. טראַכט ער, ניט אַנדערש, נאָר דער קונה, וואָס האָט געקויפט דעם מילגרוים, האָט ביי איהם אַרויסגע'גנב'עט דאָס געלט פון קעשענע. כאַפּט ער און לויפט איהם נאָך.

ער איז געלאָפען און געלאָפען ביז ער האָט געטראָ־פען צוויי מענשען ווי זיי שטעהען צוזאַמען און רעדען. איינער איז געגאַנגען אין צעריסענע קליידער און איינער איז גע־ווען אָנגעטון אין אַ פוטער. טראַכט זיך דער קרעמער, דער איז אודאי אָרעם, און דער — רייך. אויב איך וועל זאָגען אויפ'ן אָרעמאַן, אַז ער האָט ביי מיר גע'גנב'עט מיין געלט, וועט ער ניט האָבען מיר אומצוקערען, וועל איך בע־סער זאָגען אויפ'ן רייכען. האָט ער צוגערופען דעם פּאָלי־ציימאַן און געשריען :

— אָט דער מענש, וואָס אין פוטער, איז אַריין צו מיר אין קראָם קויפען אַ מילגרוים און ביי מיר אַרויסגע'גנב'עט מיין געלט פון קעשענע.

— מיין הער ! — האָט זיך דער מאַן פאַרוואונדערט — איך בין געוועזען ביי דיר אין קראָם ? קוק זיך גוט איין אין מיר, אפשר האָסטו אַ טעות ! דערקענסטו מיך ?

— צי איך האָב אַ טעות ? ! צי איך דערקען דיך ? אַזוי ווי איך דערקען מיין פאַמיליע און מיין פאַמיליע דער־

קענט מיך! קום נאָר צו מיר אין קראָם אַריין, און דאָרט וועלען מיר רעדען!

האָט זיך דער קרעמער אומגעקערט אַהיים און דער פּאָליציי־מאַן מיט דעם באַליידיגטען עושר זענען איהם נאָכגעגאַנגען.

דער קרעמער האָט אָנגעהויבען זוכען זיין הויז און האָט עס ניט דערקענט. ער איז אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, פון קראָם צו קראָם און ניט געפונען זיין הויז.

האָט דער פּאָליציי־מאַן זיך אָנגעבייזערט אויף איהם און געזאָגט: „דו מאַכסט פאַלשע באַשולדיגונגען אויף ערליכע מענשען? אַוועק, דו! אַ צווייטען מאָל אַז דו וועסט מאַכען אַ בלבול אויף אַ מענשען, וועל איך דיך אַריינזעצען אין תפיסה."

איז דער קרעמער אַנטלאָפען און ווייטער געזוכט זיין הויז. ער האָט באַגעגענט באַקאַנטע און פריינד און זיך געבעטען ביי זיי: „מיינע פריינד, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפען! איך קען ניט געפינען מיין הויז. איך בעט אייך, פירט מיך אָפּ אַהיים!"

— ווער ביזטו? — האָבען די מענשען געפרעגט, ווייל אויך זיי האָבען איהם ניט דערקענט.

— איהר דערקענט מיך דען ניט? — האָט זיך דער קרעמער געוואונדערט — איהר קענט ניט אייער פריינד און באַקאַנטען — שמעון איך זאָל אַזוי לעבען, קענט איהר ניט?!

— שמעון איך זאָל אזוי לעבען, — קענען מיר. אָבער דו ביזט ניט דער שמעון — האָבען די באַקאַנטע געענטפערט און אַוועק פון איהם. אַ טייל פון זיי האָבען זיך אין איהם

איינגעקוקט און געזאָגט: „ניט אַנדערש, נאָר אַ משוגענער ערגעץ פון דער פרעמד. איינער פון די משוגעים וואָס וואַנ־דערן אַרום פון שטאָט צו שטאָט."

האָט דער קרעמער אָנגעהויבען רייסען די האָר פון זיין קאָפּ, וויינען און שרייען: „וועה איז מיר! מיינע זיהן, מיינע טעכטער, מיין ווייב — וואו זענט איהר? וואו זענט איהר מיינע קינדער?"

האָבען די מענשען געקוקט אויף איהם און איינער צום אַנדערן געזאָגט: „אַפילו אין זיין געוויין קען מען זעהן, אַז ער איז משוגע. ער וויינט ניט ווי אַ געזונטער מענש."

ווילדע קינדער האָבען איהם אָנגעהויבען נאָכלויפען און שרייען: „היי, משוגענער! היי, פאַרריקטער!"

ער האָט גענעכטיגט אין גאַס און אין דער פריה, ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער ווידער אָנגעהוי־בען געהן איבער די הייזער און שרייען: „מיין טייערע פרוי! מיינע טייערע זיהן! מיינע ליבע טעכטער! וואו זענט איהר? קומט אַרויס צו אייער טאַטען, צו שמעון דער קרעמער, שמעון איך זאָל אַזוי לעבען!"

און ווילדע קינדער האָבען זיך אַרומגעקליבען, נאָכגע־לאָפען נאָך איהם און געשריען: „היי, משוגענער! משוגענער!"

צווישען די קינדער זענען אויך געווען די קינדער פון שמעון איך זאָל אַזוי לעבען. זיי זענען געגאַנגען טרויערי־גע פון זאָרג וועגען זייער טאַטען, וועלכער איז נעכטען אַרויסגעגאַנגען פון הויז און זיך מעהר ניט אומגעקערט, און זיי וויסען ניט וואָס מיט איהם איז געשעהן און וואו ער איז

אַהינגעקומען. און ווען זיי האָבען געהערט ווי דער משוגע־נער רופט זיך מיט זייער פאָטער׳ס נאָמען, זענען זיי אויף איהם שטאַרק אין כעס געוואָרען, האָבען גענומען שטיינער און געוואָרפען אויף איהם.

דאַן האָט שמעון אייגעזעהן, אַז ער האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי צו פארלאָזען זיין שטאָט. און ביינאכט איז ער אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט.

ב

די שטאָט איז געווען אַ פרעמדע אין וועלכער ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, און די מענשען פון שטאָט האָבען קיינמאָל ניט געהערט זיין נאָמען. איז שמעון צוגע־גאַנגען צו אַ קרעמער, וועמעס קראָם איז געווען די גרעס־טע פון אַלע קראָמען אין שטאָט, און ער האָט צו איהם געזאָגט: „איך וויל אַרבייטען ביי אייך אין קראָם פאַר אַ גאַנץ קליינער באַלוינונג, און וואָס מען וועט מיר הייסען וועל איך טון.״

דער קרעמער האָט איהם באַטראַכט און געזאָגט: „איך דאַרף טאַקע אַ מענש אין קראָם, ביזטו אָבער זיכער אַז דו טויגסט צו אַזאַ אַרבייט? מיין קראָם איז גרויס. דאָ איז געווען אַן אַרבייטער, פלעג ער פאַרגעסען וועמען ער האָט געגעבען סחורה און ביי וועמען צו מאָנען געלט, האָב איך איהם אָפּגעזאָגט.

— איך וועל פאַרגעסען? זאָל איך מיין נאָמען פאַר־געסען אויב איך וועל פאַרגעסען די קלענסטע זאַך אין דיין קראָם!

— אויב אַזוי, בלייב ביי מיר אין קראָם און איך וועל זעהן צו וועסטו האַלטען דיין שבועה!

האָט שמעון אָפּגעאַרבייט אַ וואָך צייט אין קראָם און דער קרעמער איז געווען זעהר צופרידען מיט איהם, ווייל ער איז געווען פלייסיג און געשיקט אין זיין אַרבייט. ער האָט איהם באַדונגען אויף א גאַנץ יאָהר און האָט אויס־געשריבען א קאָנטראַקט און דערלאַנגט שמעון'ען אונטער־צושרייבען זיין נאָמען, אַז ער דאַרף ביי איהם אַרבייטען אַ גאַנץ יאָהר.

שמעון האָט גענומען די פעדער אונטערצושרייבען דעם קאָנטראַקט און איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער — ער האָט פאַרגעסען זיין נאָמען און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען.

— פאַר וואָס שרייבסטו ניט אונטער דיין נאָמען?
— האָט זיך דער קרעמער געוואונדערט.

האָט זיך שמעון צעוויינט און געזאָגט: „איך גע־דענק ניט מיין נאָמען!"

— ניט אַנדערש, נאַר דאָס איז עפּעס א משוגענער — האָט דער קרעמער געזאָגט, און איהם אַרויסגעטריבען פון זיין קראָם.

ג

איז שמעון אויך פון דער שטאָט אַוועק און איז געגאַנ־גען אין אַן אַנדערער. און אַזוי איז ער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון שטאָט צו שטאָט. ער האָט שוין פאַרגעסען די נעמען פון די שטעט אין וועלכע ער איז געווען, און דעם נאָמען פון זיין אייגענער שטאָט האָט ער אויך ניט געדענקט.

ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַזוי ווי אַ פּאַרטריקענטער בלאַט וואָס דער ווינט טראָגט אַרום.

צום סוף איז ער געקומען אין אַ שטאָט און איז אַריין אין דער גרעסטער קראָם. האָט ער דאָרט געטראָפען אַ פיינע פרוי. האָט ער געזאָגט:

— איך בעט אייך, נעמט מיך אַריין צו אייך אין קראָם און פאַר אַ קליינער באַלוינונג וועל איך טון אַלעם וואָס איהר וועט מיר הייסען!

— איך דאַרף טאַקע אַ משרת אין קראָם — האָט די פרוי געענטפערט — ווייל איך בין איינע אַליין. מיין מאַן האָט מיך פאַרלאָזען און מיינע קינדער זענען נאָך קליין. וואָס קען אַ פרוי אויפטון אין אַזאַ גרויסער קראָם? ביזטו אָבער זיכער, אַז דו וועסט קענען זיין פּינקטליך? אין מיין קראָם מוז דער דינער אויפשטעהן פאַר טאָג.

— זאָלען מיינע אויגען ניט וויסען פון קיין שלאָף!

— האָט שמעון אויסגערופען — אויב איך וועל איינמאָל פאַרשפּעטיגען אויפצושטעהן!

— אויב אַזוי, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, און איך וועל דיר גוט באַצאָהלען.

איז שמעון געבליבען ביי דער פרוי. ביי איהר טיש האָט ער געגעסען און אין איהר קראָם האָט ער געאַרבייט. אָבער פון דעם טאָג אָן האָט זיך דער שלאָף אָפּגעטון פון זיינע אויגען. אַ גאַנצען טאָג האָט ער געאַרבייט שווער און ביינאַכט האָט ער זיך אַרומגעוואָרפען אין זיין בעט, פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ניט געקענט איינשלאָ-פען אויף קיין מינוט. זיינע אויגען זענען אָפען פאַר דער פינסטערניש פון דער נאַכט און זיין מוח איז וואַך פאַר

שווערע און אומעטיגע געדאַנקען און דאָס האַרץ בענקט נאָך אַביסעל שלאָף, אָבער ער קומט ניט.

איז שמעון פון טאָג צו טאָג שוואַכער געוואָרען. ער איז געבליבען אָהן כוחות און ער האָט מעהר ניט געקענט אַרבייטען אין קראָם. און די קרעמערין האָט איהם שוין געוואָלט אָפּזאָגען.

ד'

יענעם טאָג איז אין שטאָט אַריין געקומען אַ גרויסער צדיק, איינער פון די זעקס און דרייסיג באַהאַלטענע צדיקים, וואָס געפינען זיך אין דער וועלט. זענען איהם אַקעגען געגאַנגען די השוב'סטע לייט פון שטאָט, און יעדער האָט איהם געבעטען ער זאָל זיך אָפּשטעלען ביי איהם אין הויז. אָבער דער צדיק האָט ניט געוואָלט געהן צו קיינעם פון זיי, און איז אַוועק צו דער קרעמערין.

האָט די קרעמערין געזאָגט צו איהר משרת: „קום מיט מיר צום צדיק, וועל איך פאַר איהם אויסרעדען מיין ביטער האַרץ. שוין יאָהרען אַז מיין מאַן האָט מיך פאַר־לאָזען. אפשר וועט מיך דער צדיק בענשען און וועט מיר אומקערען מיין מאַן. איך בין דאָך אָבער ניט מעהר ווי אַ פאַרלאָזענע פרוי, ווי וועל איך קענען עפענען מיין מויל פאַר אַזאַ צדיק, וועסטו מיר זיין מיין פירשפּרעכער."

— גוט, לאָמיר געהן — האָט שמעון געענטפערט — אויך איך האָב וואָס צו דערצעהלען דעם צדיק, ווייל אויך מיין האַרץ איז פול מיט צרות און וועהטאָגען.

זענען זיי ביידע אַריין צום צדיק.

האָט זיך דער צדיק געווענדעט צו שמעון'ען און איהם געפּרעגט: „וואָס פאַרלאַנגסטו?"

— איך קען ניט שלאָפען.

— ווי רופט מען דיך?

— איך ווייס ניט.

— פון וואַנען קומסטו?

— איך געדענק ניט.

— און דיין פרוי און דיינע קינדער?

— איך דערקען זיי ניט און זיי דערקענען מיך ניט.

— און דאָס פאַרדריסט דיך שטאַרק?

שמעון האָט זיך צעוויינט.

האָט דער צדיק געזאָגט: „אויב דו וועסט אויף זיך נעמען קיינמאָל ניט צו שווערען, אַפילו ניט אויף אַן אמת, וועל איך פאַר דיר גאָט בעטען."

שמעון האָט אויף זיך גענומען קיינמאָל ניט צו שווע-רען, אַפילו ניט אויף אַן אמת.

און דער צדיק האָט געזאָגט: „רופט מען דיך ניט שמעון?"

שמעון האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט זיינע אויגען, האָט זיך דערפרעהט און געזאָגט: „אמת, רבי! יעצט האָב איך זיך דערמאָנט. איך הייס שמעון!"

און ער האָט זיך שוין געוואָלט שווערען, ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און האָט פאַרשטעלט זיין מויל מיט דער פויסט.

— גיב נאָר אַ קוק אויף דער פרוי, די קרעמערין וואָס שטעהט הינטער דיר! — האָט דער צדיק געזאָגט.

שמעון האָט זיך אומגעקערט און געקוקט אויף דער

קרעמערין און זי האָט געקוקט אויף איהם. זיי האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע דערקענט.

— אוי, שמעון, מיין מאַן! — האָט געיאָמערט די פרוי.

— אוי, מיין ווייב, מיין ליבע פרוי! — האָט געשריען שמעון.

פון גרויס פרייד האָבען זיי זיךביידע צעוויינט. אויף דעם געוויין זענען אַריינגעלאָפען זייערע זיהן און טעכטער און האָבען דערקענט זייער פאָטער.

— אוי, טאַטע, טאַטע, — האָבען זיי איהם אַרומגע־כאַפּט און געקושט — וואו ביזטו געווען?

און שמעון האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה. צו דער סעודה האָט ער איינגעלאַדען אַלע איינוואוינער פון שטאָט און ער האָט זיי דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען. איז אָנגעפאַלען אַ שרעק אויף די מענשען, וואָס האָבען אויף זיך גענומען ניט צו שווערען אַפילו אויף אַן אמת'דיגער זאַך. און פון דאַן אָן רופט מען די שטאָט: „דו זאָלסט ניט שווערען."

די פאַרשאָלטענע פּרינצעסין.

אַמאָל איז געווען אַ מאַן, האָט ער געהאַט דריי זיהן. דער עלטסטער האָט געהייסען ראובן, דער צווייטער שאול און דער אינגסטער האָט געהייסען דוד. האָבען די ברי־דער דוד'ן גערופען „נאר". און דער ערליכער דוד האָט געגלויבט זיינע ברידער. „אויב זיי זאָגען, אַז איך בין א נאַר, ווייסען זיי דאָך אַודאי, וואָס זיי זאָגען." דערפאַר אַז עמיצער האָט איהם געפרעגט: „ווי רופט מען דיך, אינ־געלע?" האָט ער געענטפערט: „מיין נאָמען איז דוד נאַר."

איינמאָל זענען די צוויי ברידער אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אריין שפּאַצירען, און דוד נאַר איז זיי נאָכגעגאַנגען. האָבען די ברידער דערזעהן אַ האָז שפּרינגענדיג אַקעגען זיי. האָבען זיי זיך דערשראָקען און דער האָז האָט זיך אויך דערשראָקען און איז אַנטלאָפען.

ווען די ברידער האָבען דערזעהן, אַז דער האָז האָט זיך דערשראָקען און אַנטלויפט, האָבען זיי געזאָגט איינס צו דאָס אַנדערע: „דאָס איז זיכער ניט קיין בייזע חיה. קום, לאָמיר איהר נאָכלויפען!"

האָבען זיי אָנגעהויבען נאָכיאָגען דעם האָז פון באַרג אין טאָל און פון טאָל אויפ'ן באַרג, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין אַ וואלד אריין. דאָרט האָבען זיי פאַרלאָרען דעם האָז, און האָבען זיך געוואָלט אומקערען אַהיים. האָבען זיי אָבער פארלאָרען דעם וועג און האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט צווי־שען בערג און טאָלען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַזעלכע

הויכע בערג, וואָס האָבען פאַר זיי פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג.

זענען זיי זעהר אומעטיג געוואָרען און אָנגעהויבען וויינען.

ווען זיי האָבען זיך נאָכדעם אומגעקוקט האָבען זיי געזעהן ווי פאָראויס פון זיי לויפט אַ הונט. האָט דוד גע־זאָגט :

— לאָמיר נאָכגעהן דעם הונט, אפשר וועט ער אונז ברענגען צו אַן אָרט וואו מענשען וואוינען, וועלען זיי אונז ווייזען דעם וועג אַהיים.

האָבען זיך די ברידער געשעמט צו פאָלגען אַ נאַר און האָבען געלאַכט פון זיין עצה. אין הארצען אָבער האָבען זיי געטראַכט :

— דער נאַר האָט דאָך אונז טאַקע אַ גוטע עצה גע־געבען. דער הונט איז אודאי פון אַ נאָהענטען דאָרף, און די מענשען פון דאָרף וועלען אונז ווייזען דעם וועג.

זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם הונט זיבעצעהן טעג און זיבעצעהן נעכט. די גאַנצע צייט האָבען זיי געגעסען די גראָזען פון דער ערד און די פרוכטען פון די בוימער, וואָס זיי האָבען געפונען אין וועג ; און געטרונקען האָבען זיי דאָס וואַסער פון די טייכען. אויפ'ן אַכצענטען טאָג זענען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסער און זעהר שענער שטאָט.

האָבען די ברידער געקוקט און זיך זעהר געוואונ־דערט. ווייל זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ שענע שטאָט און אַזעלכע גרויסע פּאַלאַצען.

די ברידער זענען אַריין אין דער הויפּט גאַס פון שטאָט און האָבען דערזעהן צוויי גרויסע פּאַלאַצען. אויפ'ן טויער

פון איינעם איז געווען אָנגעשריבען: „ד אָ ק ר י ג ע ן אַ ל ע ח כ מ י ם ע ס ע ן א ו מ ז י ס ט". און אויפ'ן טויער פון צווייטען איז געווען אָנגעשריבען: „ד אָ ו ו ע ר ט ג ע ג ע ב ע ן ע ס ע ן א ו מ ז י ס ט צ ו נ אַ ר אָ נ י ם."

זענען די ברידער אַריין אין דעם פּאַלאַץ פון די חכמים, ווייל זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר קלוגע. און דוד האָט ביי זיך געטראַכט:

— מיינע ברידער זאָגען אַלע מאָל, אַז איך בין אַ נאַר. וועל איך אַריינגעהן אין דעם הויז פאַר נאַראָנים און וועל אָפּעסען אַן אומזיסטען מאָלצייט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נאַראָנים.

די ברידער זענען אַריין אין דעם הויז פאַר די קלוגע, האָבען זיי דאָרט ניט געפונען קיין אָרט צום זיצען און קיין שטיקעל ברויט צום עסען. ווייל אַלע, וואָס זענען פאַרביי געגאַנגען די צוויי פּאַלאַצען האָבען זיך געהאַלטען פאַר חכמים. דעריבער זענען געווען מעהר אורחים ווי ערטער און ברויט, וואָס מען האָט דאָרט אָנגעגרייט.

און דוד איז איינער אַליין אַריין אין דעם פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים און האָט דאָרט קיין לעבעדיגען מענשען ניט גע־פונען, אַ חוץ די פיעלע קעכער און דינער, וואָס זענען איהם אַקעגען געלאָפען, האָבען איהם אַוועקגעזעצט, איהם בע־דינט און דערלאַנגט די טייערסטע עסענס.

דוד האָט זיך אָנגעגעסען און געלאָזען מעהר ווי ער האָט אויפגעגעסען. ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט בע־געגענט זיינע ברידער אויפגערעגטע.

— פאַר וואָס זענט איהר אַזוי ברוגז, ברידער ? — האָט דוד געפרעגט.

— ווייל מיר זענען הונגעריג — האָבען זיי געענטפערט — דער בעל הבית פון דעם פּאַלאַץ פאַר קלוגע איז אַ שלעכטער מענש. ער האָט איינגעלאַדען מענשען און האָט פאַר זיי אַפילו ניט צוגעגרייט קיין ערטער צום זיצען!

— און איך האָב זיך אָנגעגעסען און האָב נאָך איבער־געלאָזט. זאָל מיין שפּייזער זיין געבענשט! אויב איהר ווילט, קומט אין פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים, וועט איהר אויפעסען וואָס איך האָב איבערגעלאָזט!

— ניין — האָבען די ברידער געענטפערט — מיר וועלען וואַרטען אויף מאָרגען. אפשר וועט דער בעל הבית איבערקוקען זיינע געסט און ער וועט זעהן, אַז זיי זענען ניט קיין חכמים וועט ער זיי אַרויסטרייבען, וועלען מיר דאַן האָבען גענוג צו עסען.

אָבער יעדער פון די געסט האָט געטראַכט דאָסזעל־בע און אַלע האָבען געוואַרט אויף מאָרגען און אויף איבער־מאָרגען, און זענען געבליבען הונגעריג.

זענען די ברידער אין כעס געוואָרען און האָבען פאַר־לאָזען דעם פּאַלאַץ. פון גרויס אויפרעגונג האָבען זיי פאַר־געסען רופען דוד'ן. זיי זענען אַוועק אין די גאַסען פון שטאָט און האָבען געפרעגט ביי די מענשען:

— ווער איז דאָס דער שטאָלצער מענש, וואָס האָט איינגעלאַדען קלוגע מענשען און פאַר זיי ניט אָנגעגרייט קיין עסען? איז ער אויסען געוועזען אונז צו באַליידיגען?

האָבען די מענשען זיי דערצעהלט, אַז די שטאָט איז אַ קעניגליכע. און דער קעניג האָט איין טאָכטער. איז

זי געווען שען ווי אַ רויז און צניעות'דיג ווי די לבנה סוף חודש. נאָר איין שלעכטע געוואוינהייט האָט זי געהאַט: זי איז געווען זעהר נייגעריג. אין יעדער אָפענער טיר בייטאָג און אין יעדען ליכטיגען פענסטער ביינאַכט, האָט זי ליב געהאַט אַריינצוקוקען אָדער צולעגען אַן אויער און זיך איינהערען וואָס מען רעדט דאָרטען שטילערהייט.

— איינמאָל איז זי דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ הייליגען מאַן'ס הויז פונקט ווען ער איז געשטאַנען און תפילה געטון. און די טיר איז געווען אָפען. האָט זי אַריינגעקוקט אין הויז, און ווען זי האָט געזעהן ווי זיינע אויגען זענען אויפגעהויבען צום הימעל און זיינע הענט פאַרלעגט אויפ'ן האַרצען, האָט זי זיך שטאַרק צעלאַכט. איהר געלעכטער האָט איבערגעשלאָגען דעם צדיק זיין תפילה, האָט ער זי פאַרשאָלטען און געזאָגט:

— פון היינט אָן און ווייטער, אויב דו וועסט קוקען אויף אַ מענשען, זאָלסטו זעהן וואָס ביי איהם אין האַרצען טוט זיך; און אויב דו וועסט הערען דאָס קול פון אַ מענשען, זאָלסטו אויך הערען זיינע געדאַנקען.

ווען די פרינצעסין איז אַהיימגעקומען זענען איהרע דינערינס איהר אַנטקעגען געקומען און זי באַגריסט.

די פרינצעסין האָט אָבער געזעהן וואָס אין זייערע הערצער טוט זיך און געהערט זייערע געדאַנקען. אין זייערע הערצער און געדאַנקען האָבען די דינערינס זי געשאָלטען און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר האָט עס דיך אַזוי שנעל אַהיימגעבראַכט? הלואי וואָלסטו קראַנק געוואָרען כאָטש אויף אַ מאָנאַט, וואָלטען מיר געהאַט אַביסעל רוה!

איז די פּרינצעסין אויפגערעגט געוואָרען פון זייער חוצפה און שלעכטסקייט. זי האָט זיי אויסגעזידעלט און אַוועקגעטריבען פון זיך און זיך אַוועקגעזעצט וויינען.

דער קעניג האָט דאָס געהערט און האָט געשיקט זיין הויפּט מיניסטער צו דערגעהן וואָס ס'איז געשעהן מיט זיין טאָכטער.

דער מיניסטער איז אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעשטעלט קעגען דער פּרינצעסין און זי באַגריסט.

אָבער זי האָט געהערט זיינע געדאַנקען, ווי ער טראַכט ביי זיך: „הלואי וואָלט מיין קראַנק ווייב געשטאָרבען וואָלט איך געבעטען דעם קעניג ער זאָל מיר דיך געבען פאַר אַ ווייב!"

— אָ, דו פאַלשער! — האָט די פּרינצעסין אויף איהם אַ געשריי געטון — אויפ'ן טויט פון דיין פרוי בעטסטו?! אַרויס, און זאָלסט זיך פאַר מיר מעהר ניט ווייזען!

איז דער מיניסטער אַרויסגעגאַנגען אַ באַליידיגטער, איז געקומען צום קעניג און געזאָגט:

— מיין האַר, מיין קעניג! ניט אַנדערש דיין טאָכטער איז קראַנק. זי רעדט זאַכען, וואָס האָבען קיין זין ניט!

איז דער קעניג אַליין געקומען מיט זיין דינער. האָט די פּרינצעסין געהערט די געדאַנקען פון דינער, ווי ער טראַכט ביי זיך: „ווען איך זאָל דיך קענען הרג'ענען קיינער זאָל ניט זעהן, וואָלט איך פון דיר אַרונטערגענומען דיין צירונג, וואָלט עס פאַרקויפט און באַצאָהלט מיינע חובות."

— הרג'ענען ווילסטו מיך ?! מערדער! — האָט זיך די פּרינצעסין צעשריען — אַרויס פון דאַנען, רשע!

איז דער קעניג אַ דערשראָקענער געוואָרען און דער דינער האָט זיך אויך דערשראָקען.

— וואָס איז מיט דיר, מיין טאָכטער? — האָט דער קעניג אָנגעהויבען וויינען — פאַר וואָס באַליידיגסטו חשוב'ע מענשען? פאַר וואָס רעדסטו אַזעלכע נאַרישקייטען?

האָט די קעניגין דערפון געהערט, איז זי אַריינגעקומען מיט איהרע דינסטען.

די פּרינצעסין האָט דערזעהן די קעניגין מיט די דינסטען און זי האָט געהערט ווי איינע פון זיי טראַכט ביי זיך: „סאַראַ נאַר דאָס איז. כאָטש זי איז אַ פּרינצעסין איז זי א מיאוס'קייט. מיין מינדסטער פינגער איז שענער פון איהר גאַנצען פאַרגרינטען פּנים!"

— דו זאָגסט אַ ליגען! — האָט די פּרינצעסין פּלוצים אויסגעשריען — די זוילען פון מיינע שיך זענען שענער פון דיין שטערן.

און אַ צווייטע דינסט האָט געטראַכט: „הלואי וואָלטען דיינע ציין אויסגעוואַקסען אויף אַן אַרשין די לענג יעדע, וואָלסטו זיך ניט געגרויסט מיט דיין שענקייט!"

איז די פּרינצעסין אין כעס געוואָרען און אַרויסגעטריבען די דינסטען.

האָט זיך אויך די קעניגין דערשראָקען און זיך ביטער צעוויינט. האָט דער קעניג געוויינט און אַלע מיניסטאָרען האָבען מיטגעוויינט. האָט מען געבראַכט דאָקטוירים פון גאָר דער וועלט, און אַלע האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז אַ

געפערליכע קראַנקהייט: זי זעהט און הערט די געדאַנ־קען פון מענשען, און דערצו איז קיין רפואה ניטאָ.

מעהר פון אַלעמען האָט געוויינט די פּרינצעסין אַליין. ווייל זי האָט מיט אַמאָל דערזעהן וויפיעל שונאים זי האָט און זי האָט שטענדיג געהערט באַליידיגונגען, צונעמענישען און קללות.

איז די אומגליקלעכע אוועקגעגאַנגען צום צדיק, פאַר איהם געוויינט און געבעטען ער זאָל איהר מוחל זיין איהר זינד און איהר צוריק צושליסען איהרע אויגען און אויערן, וואָס ער האָט איהר געעפענט, און ער זאָל איהר אומקערען איהרע אַמאָליגע אויגען און אויערן.

אָבער דער צדיק האָט איהר געענטפערט אַז ס'איז פאַר איהר קיין רפואה ניטאָ, סיידען זי זאָל התונה האָבען מיט אַ נאַר, וואָס ווייסט אַז ער איז אַ נאַר און גיט עס צו.

דעריבער גרייט די פּרינצעסין אַלע טאָג צו צוויי סעודות אין די צוויי פּאַלאַצען. און זי האָפט, אַז צווישען די אורחים וועט זיך געפינען אַ נאַר, וואָס ער איז זיך מודה אין זיין נאַרישקייט. אָבער ביז היינט האָט נאָך קיינער ניט אַריבערגעטראָטען די שוועל פון דעם פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים. בלויז דער פּאַלאַץ פאַר די קלוגע איז תמיד פול מיט אורחים.

ווי די ברידער האָבען דאָס דערהערט, האָט יעדער פון זיי ביי זיך געטראַכט: „איך וועל אַוועקגעהן צו דער פּרינצעסין און איהר זאָגען, אַז איך בין אַ נאַר. איך וועל מיט איהר התונה האָבען און ווערען דעם קעניג'ס איי־דעם!"

איז ראובן אַוועקגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין'ס פּאַ-לאַץ, און האָט זיינע ברידער ניט אויסגעזאָגט.

איז שאול געווען זעהר צופרידען וואָס ראובן איז פון איהם אַוועק. איצט וועט ער קענען אַליין געהן צום קע-ניגליכען פּאַלאַץ. איז ער אויך אַוועק און זיינע ברידער האָט ער ניט אויסגעזאָגט.

ווען זיי זענען געקומען אין פּאַלאַץ האָבען זיי זיך ביי-דע באַגעגענט און האָבען איינס אויף דאָס אנדערע בייז געקוקט.

— עדעלע פּרינצעסין! — האָט ראובן געזאָגט — איך בין דער נאַר, וואָס וויים גוט מיין נאַרישקייט און בין גרייט צו צוגעבען עס פּאַר אַלעמען אין די אויגען!

— ניט אמת! — האָט שאול אויסגערופען — איך בין דער נאַר! דער גרעסטער פון אַלע נאַראָנים! נאָך אַזאַ נאַר איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ! און אָט דער ברודער מיינער, איז אַ גרויסער חכם!

זיי האָבען זיך ביידע אָנגעהויבען שפּאַרען. דער האָט געזאָגט: איך בין דער נאַר, און דער האָט געזאָגט: איך בין דער נאַר. און די פּרינצעסין האָט זיך איינגעקוקט אין זייערע הערצער, געלאַכט און געזאָגט: „אמת, איהר זענט ביידע נאַראָנים. און אפשר טאַקע די גרעסטע, אָבער איהר גיט עס ניט צו. אַרוים פון דאַנען!"

איז ווי זיי געהען אַרוים פון פּאַלאַץ, פּירט אַ דינער דוד נאַר צו דער פּרינצעסין.

ווען די פּרינצעסין האָט איהם דערזעהן דורכ'ן פענס-טער, איז ער איהר זעהר געפעלען. האָט זי ביי זיך גע-טראַכט: „הלואי איז ער זיך מודה אין זיין נאַרישקייט!"

און זי איז איהם אַקעגען געגאַנגען.

דער דינער האָט זיך פארנייגט און געזאָגט:

— עדעלע פּרינצעסין! אָט דער יונגער מאַן האָט נעכטען און אייערנעכטען געגעסען אין פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים. דאָס איז דער איינציגער אורח, דער ערשטער און דער לעצטער, וואָס איז צו אונז פאַר דער גאַנצער צייט אַריינגעקומען. איך האָב איהם געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער געזאָגט: ד ו ד נ אַ ר.

— ווי רופט מען דיך? — האָט די פּרינצעסין געפרעגט דוד'ן.

— איך הייס, דוד נאַר. אַזוי רופען מיך מיינע ברידער, וואָס שטעהען ביים טויער. געוויס בין איך אַ נאַר. זיי זענען קלוגע, ווייסען זיי אודאי וואָס זיי זאָגען.

האָט זיך די פּרינצעסין איינגעקוקט אין זיין האַרצען און צוגעהערט צו זיינע געדאַנקען און געפונען, אַז ער טראַכט דאָסזעלבע וואָס ער זאָגט.

האָט זיך די פּרינצעסין זעהר געפרעהט מיט איהם. זי האָט געשיקט אָנזאָגען איהר טאַטען, אַז זי האָט געפונען דעם נאַר, וואָס איז זיך מודה אין זיין נאַרישקייט און זי וועט מיט איהם חתונה האָבען.

און דוד האָט חתונה געהאַט מיט דער פּרינצעסין און נאָך דער חתונה איז זי אויסגעהיילט געוואָרען פון איהר קראַנקהייט. איהרע אויגען פון האַרץ און די אויערן פון געדאַנקען, וואָס דער צדיק האָט געעפענט מיט זיין קללה, זענען פארשטאָפּט געוואָרען. עס זענען ביי איהר ווידער געעפענט געוואָרען איהרע מענשליכע אויגען און אויערן און

זי האָט מעהר ניט געקענט זעהן און הערען, וואָס מענשען האָבען ביי זיך געטראַכט.

דאַן ערשט האָט זיך דוד דערוואוסט, אַז זיינע ברידער האָבען איהם ביז איצט גענאַרט, ווען זיי האָבען איהם גע־רופען נאַר. וואָרום ער איז גאָר ניט קיין נאַר, ער איז גאָר דעם קעניג'ס איידעם. און זיי זענען גאָר ניט קיין חכמים נאָר די גרעסטע נאַראָנים, ווי זיי האָבען אויף זיך אַליין אויסגעזאָגט פאַר דער פּרינצעסין.

די געפאַנגענע כלה.

אין אַ שטאָט וואו ס'איז געווען א אידישער קוואַר־טאל, האָט מען אַמאָל געפירט חתן־כלה צו דער חופּה.

אין דער דאָזיגער שטאָט האָט געוואוינט דער קעַ־ניג. איז דער קעניג פאַרבייגעגאַנגען דעם אידישען געגענד, און געהערט די מוזיק, האָט ער זיך געטראַכט: „איך וועל צוגעהן און זעהן ווי פירען די אידען זייערע טעכטער צו דער חופּה ?"

איז ער געגאַנגען נאָכ'ן קול פון דער מוזיק ביז ער איז צוגעקומען לעבען דער שול. האָט ער געזעהן ווי די כלה שטעהט אונטער דער חופּה מיט אַ צוגעדעקטען פּנים. האָט ער זיך געטראַכט: זי איז אודאי זעהר א מיאוס'ע. אַז ניט, וואָס האָט זי מורא צו ווייזען איהר פּנים ?

ער האָט געזעהן די מחותנים מיט ליכט און פאַקעלן אין זייערע הענט. האָט ער זיך געטראַכט: „זיי זענען אודאי קורצזיכטיג. ווען ניט, אויף וואָס דאַרפען זיי אַזוי פיעל ליכט?"

ער האָט געזעהן ווי די אונטערפירער און אונטערפי־רערקעס פירען דעם חתן באַזונדער און די כלה באַזונדער. האָט ער זיך געטראַכט: „מן הסתם געפעלט די כלה ניט דעם חתן און דער חתן געפעלט ניט דער כלה און מען צווינגט זיי חתונה צו האָבען. אַז ניט, צו וואָס האַלטען די צו דעם חתן און יענע די כלה? געוויס ווילען זיי אַנט־לויפען!"

אָבער ווען די כלה האָט אָפּגעדעקט איהר פּנים צו טרינקען דעם וויין, פון חופּה־כוס, האָט דער קעניג דערזעהן, אַז זי איז שענער פון אַלע מיידלעך אין לאַנד.

און דער קעניג איז געווען אַ בחור. האָט ער געהייסען זיינע דינער כאַפּען די כלה און זי אַוועקטראָגען אין זיין קאַרעטע.

האָבען די דינער געכאַפּט די כלה און האָבען זי אַוועק־געטראָגען אין קעניג'ס קאַרעטע.

און די כלה האָט פון גרויס שרעק גע'חלש'ט. האָט זי אויסגעזעהן נאָך שענער און איז דעם קעניג נאָך מעהר געפעלען.

האָט ער זי אַוועקגעפירט אין זיין פּאַלאַץ אַריין. און דער גאַנצער עולם מיט די מחותנים זענען געבליבען שטעהן צעשראָקענע און האָבען איינס דאָס אַנדערע אָנגעקוקט, און די חופּה איז געבליבען שטעהן אַ פערשעמטע.

האָבען די מחותנים אויסגעלאָשען זייערע פאַקעלן,

און דער חתן האָט צעריסען זיינע קליידער, האָט זיך אָנגעטון אַ זאַק מיט אַש, איז געפאַלען אויף זיין פנים און געוויינט.

האָבען אַלע מחותנים און דער גאַנצער עולם מיט איהם מיטגעוויינט. און זיי זענען אוועק צום קעניג און צו איהם אַזוי געזאָגט:

— מיר ווילען דיר אָפּגעבען אונזערע גאַנצע פאַרמעגענס אַבי גיב אָפּ דעם חתן זיין כלה.

האָט דער קעניג אַלעמען געהייסען אַרויסטרייבען פון זיין הויף.

און דער קעניג האָט פאַר דער כלה אויסגעבויעט אַ פּאַלאַץ, וואָס זיינע ווענט זענען פון אויבען ביז אַראָפּ געווען באַדעקט מיט קרומע און אויסגעבויגענע שפּיגלען.

איז וואו די כלה האָט זיך נאָר אומגעקוקט האָט זי געזעהן משונה'דיגע געשטאַלטען. אָט האָט זי געזעהן אַ פנים מיט אַ מויל אַנדערהאַלבען איילען די ברייט און אַ נאָז שפּיצעכיג ווי אַ נאָדעל. און אָט איז אַ אַ פנים, וואָס די אויגען זעהען אויס ווי צוויי שמאָלע, לאַנגע שפּאַלטען, און זייערע דעקלעך ווי צוויי שוואַרצע וועלדער. אַ פנים וואָס וויינט פון געלעכטער און אַ פנים, וואָס לאַכט פון געוויין.

דער קעניג האָט זיך געטראַכט: אפשר שטאָלצירט זי מיט איהר שענקייט וועט זי זעהן די משונה'דיגע געשטאַלטען וועט זי מיינען, אַז זי איז אַזוי מיאוס, וועט זי מעהר ניט שטאָלצירען און וועט איינווויליגען חתונה צו האָבען מיט מיר.

און אין דעם צימער וואו די כלה איז געזעסען זענען

געווען אָפענע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס. איז די כלה געזעסען איינגעשלאָסען אין איהר צימער. ווי אַ פויגעלע אין אַ שטייגעל, און האָט ניט פאַרזוכט פון אַלע גוטע עסענס וואָס מען האָט איהר דערלאַנגט. זי איז בלויז געזעסען און געקוקט אין דעם גלאַטען שפּיגעל, וואָס איז געווען אַקעגען פענסטער, ביז זי האָט דאָרט דערזעהן איהר התן׳ס פּנים. וואָרום זי האָט געוואוסט, אַז איהר חתן דרעהט זיך יעדען טאָג אַרום לעבען איהר פענסטער און שעפּ־טשעט: „מיין טייערע כלה! ווייז מיר דיין געשטאַלט, און לאָז מיך הערען דיין קול!”

האָט זי אומגעקערט איהר פּנים צום פענסטער און צו איהם געלאַכט דורך טרערען, און געוויינט דורך געלעכטער ביז זי האָט דערפיהלט אַז דעם קעניג׳ס וועכטער וואָס היטען זי געהען אַרוים צו איהם. האָט זי אָנגעהויבען שרייען צו איהם: „אַנטלויף, מיין טייערער, פלינק ווי אַ פייל פון בויגען!”

אָבער דער חתן איז ניט אַנטלאָפען: ער איז געווען צופרידען צו קריגען די קלעפּ, אַבי צו קענען נאָך אַ ווײַלע קוקען אויף זיין כלה.

זענען די דינער באַפאַלען דעם חתן, האָבען איהם גע־שלאָגען, געה׳רג׳עט און ער איז זיך געגאַנגען לאַנגזאַם און געהאַלטען אין איין אומקוקען זיך אויף צוריק, געגאַנגען און זיך צוריק אומגעקוקט, גלייך ווי ניט איהם שלאָגט מען דאָס.

און דער קעניג האָט געוואָלט געפעלען דער כלה, ווייל ער האָט געהאָפט, אז זי וועט דאָך איינוויליגען און חתונה האָבען מיט איהם. האָט די כלה געבעטען ביים קעניג, ער

זאָל ערלויבען דעם חתן צו שטעהן לעבען איהר פענסטער איין שעה יעדען טאָג.

האָט איהם דער קעניג ערלויבט און די דינער האָבען איהם אויפגעהערט שלאָגען.

איז דער חתן יעדען טאָג געקומען צום פענסטער פון זיין כלה, און זיי האָבען צוזאַמען געוויינט און געלאַכט. האָט דער קעניג איינגעזעהן, אַז כל זמן ער וועט ניט אָפּטון דער כלה'ס האַרץ פון איהר חתן, וועט זי זיך אויף איהם ניט אומקוקען. האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעל אַלע אידען זאָלען אָנטון שטריימלען.

דאָס זענען אַזעלכע קיילעכדיגע היטלען, וואָס אַרום און אַרום זענען צוגעקלעפּט און צוגענעהט עקען פון קעץ און אַנדערע חיות.

דער קעניג האָט זיך געטראַכט: די כלה וועט זעהן איהר חתן אין דעם היטעל פון שאנדע, וועט זי איהם פיינט קריגען און וועט איהם פארלאָזען.

דער חתן האָט אָנגעטון אַ שטריימעל און איז געקומען צום פענסטער, און זיי האָבען ווידער געלאַכט און געוויינט, ביז ער איז פון איהר אַוועקגעגאַנגען.

און ווען די כלה איז געבליבען אַליין האָט זי געטראַכט פון איהר חתן און פון זיין שטריימעל, און איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קיין שענערע זאַך ווי אַ שטריימעל איז גאָר ניטאָ.

אויף מאָרגען איז דער קעניג געקומען צו איהר אַן אויסגעפּוצטער, און זי געפרעגט: ווי געפעלען דיר עפּעס מיינע קליידער, מיין שענע? — האָט זי איהם געענט-

פערט: אָהן אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ האָבען דיינע קלייי-
דער קיין טעם ניט!

איז דער קעניג אוועק און אָנגעטון א שטריימעל כדי צו געפעלען דער כלה. און א באפעל איז ארויסגעגעבען געוואָרען, אַז אידען זאָלען ניט טאָרען טראָגען קיין שטריימלען.

ווען די קעניגלעכע פירשטען און די חשוב'ע לייט פון שטאָט האָבען דערזעהן דעם קעניג אין אַ שטריימעל, האָבען זיי איינס צו דאָס אַנדערע געזאָגט: זעה, נאַר! עס איז אַרויס אַ נייע מאָדע! אז דער קעניג טראָגט עס איז עס געוויס אַ שענער מלבוש!

האָבען אַלע אָנגעטון שטריימלען.

און דער חתן איז אַלע טאָג געקומען צום פענסטער קוקען אויף זיין כלה. און זיי וויינען און לאַכען, שיידען זיך און זיפצען.

האָט דער קעניג אַ וואונק געטון זיינע דינער, זיי זאָלען איהם כאַפּען אויפ'ן וועג און אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט זעהן, זאָלען זיי איהם גוט צעשלאָגען און צעביילען, זיין געזיכט וועט מיאוס ווערען און די כלה וועט איהם פיינט קריגען.

האָבען די דינער געטון ווי דער קעניג האָט זיי געהייסען. און ווען די כלה האָט אויף מאָרגען געזעהן איהר חתן מיט די ביילען אויפ'ן געזיכט האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. נאָכדעם האָט זי זיך אין איהם איינגעקוקט און געזאָגט: דו ווייסט, מיין חתן, אַז די ביילען אויף דיין פנים פּאַסען דיר אַזוי שען, אַז ס'איז כדאי אַליין צו מאַכען זיך אַזעלכע ביילען אַבי אויסצוקוקען אַזוי שען!

און דער קעניג איז געשטאַנען הינטער דער טיר און האָט דאָס געהערט.

האָט ער געשיקט רופען דעם ראַזירער און איהם גע־הייסען מיט דער בריטווע צעביילען און מיט די פינגער צע־קנייפען זיין פּנים, כדי ער זאָל אויסזעהן שען.

ווען די מענשען האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי גע־זאָגט: עס איז היינט אַ נייע מאָדע אַזאַ צו צעביילען דאָס פּנים און צעקנייפען די באַקען. דער קעניג אַליין האָט זיך געמאַכט אַזאַ פּנים!

האָבען זיך אַלע מענשען פון שטאָט צעקנייפט און צע־ביילט די פּנים'ער.

נאָר פּאָר די אידען איז ארויסגעגעבען געוואָרען א באַ־פעל, אז זיי טאָרען ניט צעביילען זייערע פּנים'ער סיידען זיי וועלען באַצאָהלען אַ ספּעציעלען גרויסען שטייער און באַ־קומען אַן ערלויבניש דאַרויף. און ווער עס האָט אַ צע־ביילט פּנים פון אַ געשלעג, דאַרף ער ברענגען אַן אונטער־שריפט פון דעם, וואָס האָט איהם געשלאָגען, ווערט ער באַ־פרייט פון שטייער.

האָט דער חתן אָפּגעוואַרט ביז זיינע ביילען האָבען זיך אויסגעהיילט, און ער איז ווידער אַוועק צו זיין כלה.

האָט די כלה געזעהן ווי ער וויינט, האָט זי איהם אָנ־געהויבען טרייסטען. זענען אָנגעלאָפען די דינער, האָבען איהם אַ קלאַפּ געטון איבער די פּיס, איז ער אַוועק אַ הינ־קעדיגער אויף איין פוס.

איז די כלה געזעסען לעבען פענסטער אַ טרויעריגע, און שווער געזיפצט. זענען די שויבען פון פענסטער פאַר־לאָפען געוואָרען פון איהר אָטעם. האָט זי מיט'ן פינגער

אויסגעמאָלען אויף דער פייכטער שויב איהר חתן'ס בילד
ווי ער וויינט און הינקט אויף אַ פוס.

דער קעניג איז אַריינגעקומען און דערזעהן דאָס בילד.
טראַכט ער: „אָט דאָס געפעלט איהר אַודאי!" האָט ער
אָנגעהויבען הינקען אויף אַ פוס און מאַכען אַ וויינענדיג
פּנים.

אויף מאָרגען האָבען די פירשטען און חשוב'ע לייט ווי־
דער געדעדט: פון קעניג'ס הויף איז שוין ווידער אַרויס אַ
נייע מאָדע. צו הינקען אויף איין פוס און מאַכען אַ ווײַ־
נענדיג פּנים. דאָס איז אודאי א סימן פון גרויסקייט און
עדעלקייט.

האָבען אלע אָנגעהויבען הינקען און מאַכען וויינענ־
דיגע געזיכטער.

און פאַר די אידען איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בע־
פעהל אַז זיי טאָרען ניט הינקען און ניט וויינען. און ווען
ביי איינעם איז עמיצער געשטאָרבען דאַרף ער קריגען אַן
אונטערשריפט אַז דאָס באַוויינט ער זיין טויטען.

אַזוי איז אַוועק אַ צייט, ביז אין שטאָט אַריין איז גע־
קומען אַ גרויסער חכם פון אַ ווייטען לאַנד. ער האָט גע־
זעהן אַלע מענשען געהען אַרום אין שטריימלען מיט צע־
ביילטע פּנים'ער, הינקען אויף איין פוס און וויינען שטענ־
דיג. האָט ער אויף זיי רחמנות געקראָגען און איז צוגע־
גאַנגען צו איינעם און צו איהם געזאָגט: אומגליקלעכער קאַ־
ליקע, ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגען?

אָבער ווען יענער האָט געזעהן, אַז דער חכם געהט
גלייך און טראָגט ניט קיין שטריימעל און האָט אפילו ניט
איין בייל אויפ'ן פּנים, האָט ער זיך געטראַכט: דער מענש

איז זיכער ניט קיין אַדעלמאַן. ער איז אודאי אַ איד, אָדער אַזוי אַ פּראָסטער מענש און עס שטעהט מיר ניט אָן מיט איהם צו רעדען. איז ער פון איהם אַוועק אָהן אַן ענטפער.

האָט זיך דער חכם געטראַכט: ניט נאָר זענען זיי קרום נאָר שטום אויך. ווי אונגליקלעך די מענשען זענען!

דערווייל האָט ער באַגעגענט אַ איד. זעהט ער ווי דער איד איז פרעהלעך. פרעגט ער איהם, ווי קומט עס וואָס אַלע מענשען וויינען און דו ביזט פרעהלעך?

— ווייל איך בין א איד — האָט איהם דער איד געענטפערט. — די אידען טאָרען ניט וויינען סיידען זיי ברענגען אַן אונטערשריפט פון קברות-מאַן.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטעה ניט וואָס דו רעדסט!

האָט איהם דער איד אַלעס דערצעהלט.

אַז דער חכם האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון אָנהויב ביז'ן סוף, איז ער געגאַנגען צום קעניג, האָט אַהין צוזאַמענגערופען דאָס גאַנצע פאָלק און זיי גע'מוסר'ט.

— זעהט, וויפיעל שלעכטע זאַכען איין שלעכטע טאַט ברענגט מיט זיך! וואָס איז פון אייך געוואָרען צוליב איין כלה וואָס איז אַוועקגענומען געוואָרען פון איהר חתן! און איהר זייט נאָך גליקלעך, וואָס די דינער האָבען דעם חתן אַ גאַנצען פוס ניט אָפּגעהאַקט, אָדער אַן אויג ניט אַרויסגענומען!

און דער קעניג האָט שוין פון לאַנג געוואוסט פון דעם גרויסען חכם און ער האָט פאַר איהם מורא געהאַט, האָט ער אומגעקערט די כלה צו איהר חתן.

און ווידער האָט מען אויסגעצויגען אַ חופּה לעבען דער

שול. די מחותנים האָבען אָנגעצונדען פאַקעלן און די כלי־זמר האָבען געשפּילט. די מענשען האָבען פון זיך אַראָפּגע־וואָרפען די שטריימלען, האָבען אויסגעהיילט די וואונדען אויף זייערע פּנים'ער און האָבען אָנגעהויבען זיין פרעהליך. נאָר געהן גלייך האָבען זיי ניט געקאָנט. האָבען זיך די אי־דען אונטערגענומען אויסלערנען די מענשען געהן גלייך.

פון דאַן אָן האָבען די אידען געלעבט גוט און צופרידען מיט זייערע שכנים. און דער קעניג פלעג אַלע שבת קו־מען צו די חתן־כלה אין הויז אריין עסען שבת'דיגע פיש, וואָס די כלה האָט געקאָכט, און דער קעניג האָט זיי שטאַרק געלויבט.

מען זאָגט, אַז צום אָנדענקען פון דער פּאַסירונג, איז אין דער שטאָט איינגעפירט געוואָרען איין טאָג אין יאָהר, ווען אַלע איינוואוינער טוען אָן שטריימלען, מאַכען זיך ביי־לען אויף די פּנים'ער, טאַנצען אויף איין פוס און מאַכען אַ טרויעריג פּנים. און דעם טאָג רופט מען „דער יום טוב פון די קרומע."